**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/30/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט די פארענדיגונג פון די סטראָנג נאציאנאלע מוזעאום אָוו פלעי'ס 75 מיליאן דאלארדיגער אויסברייטערונג פראיעקט אין ראטשעסטער'ס שטאט-צענטער**

***פראיעקט רעכנט אריין 90,000-סקוועיר-פיסיגע צוגאב מיט א נייע אויפנאמע זאל, מערערע לעבעדיגע אויסשטעלונגען, דרויסנדיגע פלאזא פלעצער, פארקינג גאראזש און פיל מער***

***אינוועסטירונג באגלייט די "פינגער לעיקס פאראויס" – די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א 75 מיליאן דאלארדיגער אויסברייטערונג פראיעקט ביי די 'סטראָנג נאציאנאלע מוזעאום אָוו פלעי' ( The Strong National Museum of Play) אין די הארץ פון ראטשעסטער'ס שטאט-צענטער. זייענדיג לענגער פון א שטאטישע בלאק, האט די סטראָנג מוזעאום 'לעבעדיגע' אויסשטעלונגען מיט וועלכע מען קען זיך ארומשפילן. די לעצטע חלק פון דעם פראיעקט – א 90,000 סקוועיר-פיסיגע צוגאב צו די פינגער לעיקס ראיאן'ס הויפט טוריסט אטראקציע – האט נאך פילע איינריכטונגען, אריינרעכענענדיג א נייע אויפנאמע זאל מיט לעבעדיגע אויסשטעלונגען, קאלירפולע שילדן צו ווייזן די וועג, הערליכע און געשליפענע טשעק-אין, זיכערהייט און ערשטע הילף סערוויס פלעצער. די זאל רעכנט אויך אריין א הויכע ברייטע דאך און גלאזערנע ווענט וועלכע ערלויבן די פלאץ צו זיין לעכטיג און אפן דורכאויס די טאג און לאזן די לייטס באלייכטן די פלאזא ביינאכט. די ערשטע שטאק האט אויך א פארברייטערטע מתנות געשעפט און א פארבינדונג צו א נייע פארקינג גאראזש, געבויט אין די ערשטע חלק פון דעם פראיעקט. די פארבעסערונגען זענען ערווארטעט צו האבן א גרויסע השפעה אויף די צאל פון יערליכע באזיכער — וואס מוזעאום בעאמטע שאצן אז עס וועט וואקסן צו כמעט איין מיליאן ביז 2026, ארויף פון א פאריגע רעקארד פון 600,000 באזיכער בעפאר די פאנדעמיע.

"די באנייאונג צערעמאניע צייכנט אפ די אנהויב פון א נייע קאפיטל ביי די סטראָנג נאציאנאלע מוזעאום אָוו פלעי, איינס פון די ראיאן'ס גרעסטע טוריסט אטראקציעס און די טרייב-קראפט הונטער אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו ווייטער אויפלעבן ראטשעסטער'ס שטאט-צענטער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פאר מער פון א יובל האט די סטראָנג מוזעאום צוגעצויגן באזיכער פון ארום די וועלט מיט אירע באגייסטערנדע און גלאנציגע אויסשטעלונגען, און א דאנק די סטעיט שטיצע, וועט עס אנגיין ווייטער אזוי צו טוהן פאר פילע יאר אין די צוקונפט. קלוגע, סטראטעגישע אינוועסטירונגען אין ניו יארק'ס קולטורישע פונקטן זענען א שליסל צו טרייבן פאר טוריזם, באשאפן דזשאבס און אונטערשטיצן די עקאנאמיע, און איך בלייב ווייטער פארפליכטעט צו שטיצן מוסדות ווי די סטראָנג מוזעאום צו עפענען אונזער סטעיט'ס עקאנאמישע פאטענציאל."

צום ערשט געגרונדעט אין 1968, האט די סטראָנג מוזעאום לעבעדיגע און שפילעריש ערפארונגען ארום די היסטאריע פון שפילערייען, שפילצייג, דאַליס און ווידעאו געימס. די אויסברייטערונג רעכנט אריין

24,000 סקוועיר פיס פון ESL Digital Worlds, די וועלט'ס גרעסטע ווידעאו שפילערייען פלאץ וואו מען קען שפילן Donkey Kong, און אזוי אויך רעכנט עס אריין די Hasbro שפילערייען פארק. באזיכער קענען אויך זיך אויפהייבן אין א רעטונג העליקאפטער, מאכן א רייזע אריבער לענדער אויף א קליינע באן פאר קינדער און אריבערשפאצירן א טראפישע גארטן מיט הונדערטע ארומפליענדע שמעטערלינגען (באטערפלייס). צוליב דעם טראנספארמאטיוון איסברייטערונג פראיעקט איז די סטראָנג מוזעאום יעצט צווישן די גרעסטע היסטאריע מוזעאומס אין די פאראייניגטע שטאטן.

**פרעזידענט און CEO פון די סטראָנג מוזעאום, סטיוו דובניק, האט געזאגט,** "דער איסברייטערונג פראיעקט פון די סטראָנג מוזעאום – וואס רעכנט אריין א 90,000-סקוועיר-פיסיגע פליגל, פארקינג גאראזש און דרויסנדיגע פלאזאס – איז אן אמת'ע מהפכה פאר ראטשעסטער, און עס איז די הארץ פון די נייע 'געגנט פון שפילערייען'. די עפענונג פון די נייע פליגל וואס איז יעצט די ענדגילטיגע שטיקל, איז א באגייסטערנדע צייט פאר די מוזעאום, שטאט, ראיאן און סטעיט. דער פראיעקט וואלט נישט מעגליך געווען אן די פריע שטיצע פון ניו יארק סטעיט און פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און אזוי אויך אן ערשטיגע אינוועסטירונג פון 20 מיליאן דאלאר דורך די 'אפסטעיט אויפלעבונג איניציאטיוו' ( Upstate Revitalization Initiative)."

די סטראָנג מוזעאום'ס אנגייענדע טראנספארמאציע איז בלויז איין חלק פון א מאסיווער, דריי-שטאפלדיגער, מולטי-מיליאן דאלארדיגער דעוועלאפמענט פראיעקט אין די אזוי-גערופענע 'געגנט פון שפילערייען' וואס רעכנט אריין די צוגאב פון א האטעל גלייך נעבן די מוזעאום; די קאנסטרוקציע פון פריוואטע הייזער און נאך שטח פאר פארשידענע באנוצן; און אזוי אויך דאס אויפשטעלונג פון א נייע ספעציעלע שאסיי – Adventure Place – וואס וועט פארבינדן Woodbury Boulevard און Union Street, א זאך וואס האט ערמעגליכט די דעוועלאפמענט.

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט האט געשטיצט דעם פראיעקט מיט ביז אזויפיל ווי 20 מיליאן דאלאר צוגעשטעלט געווארן דורך די אפסטעיט אויפלעבונג איניציאטיוו פון 'פינגער לעיקס - אויף פאראויס' (Finger Lakes Forward) און דורך נאך 2 מיליאן דאלאר אין אן אינוועסטירונג גרענט פאר די קאנסטרוקציע פון די אויפנאמע זאל און די Portal of Play געביידע ביי די אריינגאנג.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפ נייט, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט שפילט זיך נישט ארום ווען עס קומט צו אינוועסטירן אין די טוריזם אינדוסטריע. ״א דאנק גאווערנער האקול'ס שטארקע איבערגעגעבנקייט, געשעהען געוואלדיגע זאכן אריבער די סטעיט — און פיל מער ליגט נאך אין די צוקונפט. די געוואלדיגע איסברייטערונג פון די סטראָנג נאציאנאלע מוזעאום אָוו פלעי וועט העלפן צוציהען נאך אפילו מער באזיכער צו די הארץ פון ראטשעסטער'ס שטאט-צענטער, האבנדיג אן עכטע עקאנאמישע השפעה אויף די שטאט און ראיאן פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

די סטראטעגישע אינוועסטירונג וועט פארשטערקערן די ראיאן'ס טוריזם באמיאונגען, ארויפבויענדיג אויף די שוין-יעצט באדייטנדע השפעה וואס די אינדוסטריע האט געהאט אויף די ראיאנישע עקאנאמיע. טוריזם באמיאונגען אין די פינגער לעיקס ראיאן שטיצן מער פון 33,000 דזשאבס אריבער אירע ניין קאונטיס.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם, ראס ד. לעווי, האט געזאגט,** "די סטראָנג נאציאנאלע מוזעאום אָוו פלעי איז אן ערשט-קלאסיגע דעסטינאציע אין די הארץ פון די פינגער לעיקס וואס האט ענטפאנגען דורות פון געסט פון ארום די וועלט, און עס איז געווען א געוואלדיגע שותף צו די I LOVE NY ('איך האב ליב ניו יארק') קאמפיין. איר מהפכיות'דיגע איסברייטערונג מיט נייע אויסשטעלונגען, א דרויסנדיגע שפילערייען פארק און די ארומיגע 'געגנט פון שפילערייען' מיט פלעצער צו עסן און איינשטיין וועלכע פאסן אריין אין די שפילעריי אטמאספערע וועלן

מוטיגן נאך אפילו מער מענטשן צו ארומזעהן און באקומען די ערפארונג פון די צויבער און וואונדער פון די סטראָנג מוזעאום, דערמאנענדיג געסט ווי גרינג עס איז צו ליב האבן ניו יארק."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "די סטראָנג מוזעאום'ס אויסברייטערונג איז א געווינס פאר אלע זייטן — סיי פאר די פאמיליעס, קינדער און באזיכער וועלכע וועלן קענען געניסן פון אלעס וואס די מוזעאום האט צו אפפערן, און סיי פאר גאנץ ראטשעסטער אזוי ווי די שטאט קומט אן צו א נייע רעקארד אין זייערע אויפלעבונג באמיאונגען. איך בין שטאָלץ געווען צו ארויפשטעלן די אויסברייטערונג אויף די רעלסן דורכן פארזיכערן די 16 מיליאן דאלאר צו אנפילן די 'אינער לופּ' וואס האט געמאכט פלאץ פאר די פארברייטערונג און פאר די *געגנט פון שפילערייען*, און אזוי אויך די 7.5 מיליאן דאלארדיגע 'אמעריקאנער רעטונג פלאן' (American Rescue Plan) גרענט וואס איז נויטיג צו פארענדיגן די סטראָנג מוזעאום'ס רענאוואציעס. יעצט, מיט איבער 160 מיליאן דאלאר אין צוגעלייגטע טוריזם איינקונפט און איבער 120 נייע, שיין-באצאלטע דזשאבס, האט זיך די סטראָנג מוזעאום אוועקגעשטעלט אלץ א צענטראלע פונקט פאר שטאט-צענטער טוריזם און עקאנאמישע אנטוויקלונג."

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "די סטראָנג מוזעאום איז א וויכטיגע טייל פון די סחורה פון וואס אונזער לעבהאפטיגע קאמיוניטי איז געמאכט, עס איז אן ערשט-קלאסיגע טוריסט אטראקציע און אן אוצר פאר אונזער ראיאנישע עקאנאמיע. איך בין שטאלץ צו האבן געשיקט געלטער פאר די 90,000-פיסיגע אויסברייטערונג וואס גייט ברענגען פרייד צו טויזנטע קינדער און פאמיליעס אין ראטשעסטער און ווייטער. איך קוק ארויס צו זעהן וואס די צוקונפט האלט פאר די סטראָנג מוזעאום און פאר די וועלט'ס איינציגסטע 'געגנט פון שפילערייען'."

**סטעיט סענאטאר דזשערמי קוני האט געזאגט,** "די טראנספארמאטיווע אויסברייטערונג פון די סטראָנג מוזעאום און די ארומיגע 'געגנט פון שפילערייען' הויבט אן א נייע עפאכע פאר ראטשעסטער'ס שטאט-צענטער. ניו יארק סטעיט פארשטייט די נויט צו מאכן די אפּסטעיט טוריזם אינדוסטריע וואקסן, און זי איז געווען שטאלץ צו אינוועסטירן אין דעם פראיעקט. מיט מיין דיסטריקט אפיס בלויז געציילטע בלאקס אוועק, קוק איך ארויס צו זעהן די פרוכט פון דעם פראיעקט וואס האט א טיפע השפעה, און די ראלע וואס עס שפילט אין די אויפלעבונג פון אונזער שטאט'ס צענטער."

**אסעמבלי מיטגליד הערי בראנסאן האט געזאגט,** "ברענגען באזיכער צו ראטשעסטער איז קריטיש פאר אונזער עקאנאמיע. די סטראָנג מוזעאום אָוו פּלעי איז געווען א ראיאנישע אינסטיטוציע פאר פילע יארן, און די אויסברייטערונג וועט עס ערמעגליכן צו ווערן א נאציאנאלע אטראקציע. די אינוועסטירונגען וואס מיר מאכן אין קולטורישע מוסדות בענעפיטירן אונזער ברייטערע עקאנאמיע. טוריזם דאלארן קומען אן צו קליינע און מיטלמעסיגע ביזנעסער ארום די שטאט און קאונטי, העלפנדיג אונזער קאמיוניטי ערגרייכן איר ציהל פון ווערן א לעבהאפטיגע פלאץ וואו צו וואוינען, ארבעטן און פארברענגען, און אזוי אויך צוציהענדיג נייע אונטערנעמונגען."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו עדעם בעלאָו האט געזאגט,** "די סטראָנג נאציאנאלע מוזעאום אָוו פּלעי איז שטענדיג געווען א היימשטאט אוצר, א פלאץ פאר עלטערן און קינדער צו בויען זייער קשר אזוי ווי זיי זעהען דארט ארום צוזאמען. די אויסברייטערונג וועט בארייכערן די מוזעאום'ס רעפוטאציע אלץ איינס פון די ראיאן'ס וויכטיגסטע קולטורישע דעסטינאציעס, צוציהענדיג באזיכער צו מאנראו קאונטי און פארשטערקערנדיג די לאקאלע עקאנאמיע. עס איז א געוואלדיגע ביישפיל פון די סארט שותפות'ן און סטראטעגישע אינוועסטירונג וועלכע וועלן בענעפיטירן אונזער קאמיוניטי אין אזויפיל פארשידענע וועגן פאר פילע יארן אין די צוקונפט. איך באדאנק עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און גאווערנער קעטי האקול פאר זייערע אנגייענדע אינוועסטירונגען אין אונזער ראיאן."

**ראטשעסטער סיטי מעיאר מאליק עווענס האט געזאגט,** "די סטראָנג מוזעאום אויסברייטערונג אין די הארץ פון די נייע 'געגנט פון שפילערייען' איז געווען א גרונדשטיין וואס האט געשטיצט די הצלחה פון דעם 'אינער לופּ איסט' פראיעקט, און עס דינט יעצט אלץ א ווענדפונקט אין די פארשריט פון ראטשעסטער'ס אנגייענדע טראנספארמאציע. איך וויל גראטולירן די דעוועלאפּמענט מאנשאפט פאר די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט און זיי באדאנקען פארן מאכן די אינוועסטירונג אין אונזער שטאט. איך בין אויך דאנקבאר פאר גאווערנער קעטי האקול און פאר עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט פארן אונז העלפן אויפבויען א זיכערע, גלייכע און בליהענדע ראטשעסטער דורכן אריינלייגן האפענונג און גיבן געלעגנהייטן פאר יעדן איינעם."

**גרעיטער ראטשעסטער טשעימבער אָוו קאַמערס ( Greater Rochester Chamber of Commerce) פרעזידענט און CEO און פינגער לעיקס ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Finger Lakes Regional Economic Development Council) קאָו-טשעיר, באַב דאָפי, האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון די סטראָנג נאציאנאלע מוזעאום אָוו פּלעי'ס 75 מיליאן דאלארדיגער אויסברייטערונג פראיעקט איז א געוואלדיגע ערגרייכונג פאר ראטשעסטער'ס עקאנאמיע און טוריזם אינדוסטריע. די טראנספארמאטיווע דעוועלאפּמענט וועט אן א ספק באררייכערן די ראיאן'ס צוציהאונג קראפט אלץ א הויפט טוריסט דעסטינאציע, און עס וועט ביישטייערן צו די אויפלעבונג פון אונזער קאמיוניטי. די גרעיטער ראטשעסטער טשעימבער אָוו קאַמערס אפלאדירט גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו שטופן פאר עקאנאמישע וואוקס און שטיצן סטראטעגישע אינוועסטירונגען וועלכע טרייבן אונזער ראיאן אויף פאראויס."

**Visit Rochester פרעזידענט און CEO, דאַן דזשעפריס, האט געזאגט,** "די טראנספארמאטיווע אויסברייטערונג פון די סטראָנג נאציאנאלע מוזעאום אָוו פּלעי וועט האבן א געוואלדיגע און אייביגע השפעה אויף די גאנצע טוריזם אינדוסטריע אין ראטשעסטער און אין מאנראו קאונטי. די סטראָנג מוזעאום אויסברייטערונג און די נאכפאלגנדע דעוועלאפּמענט פון די 'געגנט פון שפילערייען' זענען נאך א סיבה צו באזוכן ראטשעסטער אין די בעפארשטייענדע יאר. די טוריזם אינדוסטריע שפילט א באדייטנדע ראלע אין אונזער עקאנאמיע אין מאנראו קאונטי, און די אויסברייטערונג פון די סטראָנג מוזעאום וועט בלויז פאראויס שטופן די השפעה, ברענגענדיג מער באזיכער און מער שפענדונגען פון באזיכער אריין אין די גרעיטער ראטשעסטער און פינגער לעיקס ראיאנען."

פאר נאך אינפארמאציע איבער די סטראָנג מוזעאום, באזוכט https://www.museumofplay.org/.

**פארשנעלערן 'פינגער לעיקס פאראויס'**
די היינטיגע אנאנס איז א חלק פון "פינגער לעיקס פאראויס" (Finger Lakes Forward), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. דער ראיאניש אויסגעלייגטער פלאן קאנצענטרירט זיך אויף אינוועסטירן אין הויפט אינדוסטריעס אריינרעכענענדיג פאָטאניקס, אגריקולטור און עסנווארג פראדוקציע און פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. מער אינפארמאציע קען מען זעהן דא.

**וועגן עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט**
עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור (www.esd.ny.gov). די מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכרן איינקונפט פאר'ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק

סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט איבערזעהן די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די "I LOVE NEW YORK" (איך האב ליב ניו יארק) קאמפיין, די סטעיט'ס אייקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן